**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/4/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול האט זיך היינט צאמגעזעצט מיט ניו יארק פאוווער אטאריטעט, לעיבאר און ארבעטסקראפט פירער פאר א זיצונג אדורכצורעדן איבער אויסברייטערן די פארגעשריטענע נוקליער ארבעטסקראפט אין ניו יארק**

***ביים זיצונג האט מען דורכגעשמועסט טרענירונג, עפרענטעשיפס און אנדערע פראגראם געלעגנהייטן צו שטיצן די סטעיט'ס ארבעטסקראפט נאכצוקומען די גאווערנאר'ס רוף פאר די פאוווער אטאריטעט צו בויען פארגעשריטענע נוקליער פאוווער דשענערעישען אין אפסטעיט ניו יארק***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די צאמקום פון א פארגעשריטענע נוקליער ענערגיע ארבעטסקראפט זיצונג אין ניו יארק סיטי. די צאמקום, אפגעהאלטן דורך די ניו יארק פאוווער אטאריטעט (New York Power Authority), האט צאמגעברענגט פירער פון איבער גאנץ ניו יארק, די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדא פאר א זיצונג איבער די צוקונפט פון די נוקליער ארבעטסקראפט און איבער געלעגנהייטן צו פארשנעלערן טרענירונג און עפרענטעשיפ פראגראמען צו שטיצן די ערווארטערטע אויסברייטערונג פון דשאבס אין די נוקליער ענערגיע סעקטאר.

"אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט טוט עלעקטריפיצירן איר עקאנאמיע און זעצט פאר צו ציען גרויסע מעניופעקטשערער וועלכע שאפן גוט-באצאלטע דשאבס, מוזן מיר אננעמען א ברייטע ענערגיע פאליסי וואס איז באזירט אויף ענערגיע זעלבסטשטענדיגקייט און סופליי טשעין זיכערהייט צו פארזיכערן אז ניו יארק קאנטראלירט איר ענערגיע צוקונפט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "דאס הייבט זיך אן מיט נוקליער פאוווער פאר די טובה פון אלע ניו יארקער. מיר מוזן יעצט אנפאנגען די ארבעט צו פארזיכערן אז מיר האבן א גענוג גוט-טרענירטע ארבעטסקראפט גרייט אנצופאנגען ווען מיר הייבן אן בויען און אפערירן א נוקליער פלענט. דורך ארבעטן צוזאמען מיט מחנכים, לעיבאר, די אינדוסטרי און אנדערע סטעיק-האלטער, קענען מיר צופאסן אונזערע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג לעזונגען נאכצוקומען די געברויכן פון די סטעיט אויף די בעסטע אופן פאר דער דור און פאר נאך שפעטער."

אין יוני פון דעם יאר, האט גאווערנאר Hochul (האקול) גענומען באדייטנדע שריט צו פאראויסריקן ניו יארק'ס ענערגיע צוקונפט דורך [פאראדרענען די פאוווער אטאריטעט צו אנטוויקלען כאטש איין נייע נוקליער ענערגיע](#) פאסיליטי מיט א צאמגעשטעלטע קאפאציטעט פון נישט ווייניגער ווי 1 גיגעוואט פון עלעקטריסיטי. די פארגעשריטענע נוקליער ענערגיע ארבעטסקראפט זיצונג, אפגעהאלטן איין יאר נאך די [צוקונפטיגע ענערגיע עקאנאמיע צאמקום (Future Energy Economy Summit)](#), האט באקוקט סטראטעגיעס צו פארשטערקערן די ארבעטסקראפט וואס פעלט זיך אויס צו פאראויסריקן ניו יארק'ס ענערגיע צילן.

ביים זיצונג וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין איר ניו יארק סיטי אפיס, האט גאווערנאר Hochul (האקול) גערופן פאר פירער צו ארבעטן צוזאמען אויף נאציאנאל-פירנדע איניציאטיוון צו ברענגען גוט-באצאלטע

דשאבס קיין ניו יארק. די זיצונג איז אפגעהאלטן געווארן דורך די ניו יארק פאויווער אטאריטעט און האט אויסגעהערט קאמענטארן פון פירערשאפט און שטאב פון די ניו יארק סטעיט פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט (New York State Research and Development Authority, NYSERDA), די אפטיילונג פון לעיבאר (Department of Labor, DOL), די בויען און קאנסטרוקציע פאכן קאונסיל (Building and Construction Trades Council), סטעיט יוניווערסיטי פון ניו יארק (SUNY), אפטיילונג פון פובליק סערוויס (Department of Public Service, DPS), נוקליער ענערגיע אינסטיטיוט (Nuclear Energy Institute, NEI), אנטעריאו פאויווער דשענערעישען ( Ontario Power Generation, OPG), אינטערנאציאנאלע פאראיין פון עלקטרישע ארבעטער ( International Brotherhood of Electrical Workers, IBEW), און די ארבעטער'ס אינטערנאציאנאלע יוניען פון צפון א מעריקע (Laborers' International Union of North America, LIUNA). באטייליגטע האבן אדורכגעשמועסט זייערע ראלעס אין די נוקליער ארבעטקראפט אנטוויקלונג און האבן אדורגערעדט צוזאמענארבעטנדע אינציאטיוון אין עדיוקעישען, טרענירונג און אנדערע קריטישע געברויכן צו פארמערן די געשולטקייט און גרויסקייט פון די נוקליער ארבעטסקראפט אין ניו יארק סטעיט.

**ניו יארק פאויווער אטאריטעט פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (דשאסטין א. דריסקאל) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) האט אוועקגעשטעלט א מהלך פאר די צוקונפט פון ריינע ענערגיע, און NYPA איז פארפליכטעט צו טוהן אונזער חלק צו ברענגען צו איר הצלחה. מיר ווייסן אז בויען און אפערירן פארגעשריטענע נוקליער אייגריכטונגען פאדערט א סטראטעגישע פלוס פון האנדל-פערזאנען, אפערירער, ענדשינירן און זיכערהייט ספעציאליסטן. עז איז קריטיש צו יעצט אנפאנגען די ארבעט צו קענען נאכקומען די פארלאנגען פונעם צוקונפט—מיר זענען צופרידן צו קענען ערמעגליכן פאר סטעיק-האלטער אין נוקליער און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג זיך דורכצושמועסן צו פארזיכערן א פארלעסליכע, עמישען-פרייע צוקונפט פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון פובליק סערוויס CEO Rory M. Christian (רארי מ. קריסטשען) האט געזאגט,** "גאווערנאר Hochul (האקול) האט מיטגעטיילט איר וויזיע פאר א ריינע ענערגיע עקאנאמיע וואס טוט מיט רעכט אריינעמען נוקליער פאויווער, און די אפטיילונג איז צופרידן צו קענען אנטיילנעמען אין די ארבעט צו פארווירקליכן יענער וויזיע. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט יעדער איינער צו העלפן שאפן אן עמישען-פרייע עקאנאמיע פאר ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פארשונג און אנטוויקלונג אטאריטעט פרעזידענט און CEO Doreen M. Harris (דארין מ. העריס) האט געזאגט,** "NYSERDA פארשטייט אז בויען א געשולטע ארבעטסקראפט פעלט זיך שטארק אויס צו קענען פאראויסריקן ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט, און יעצט איז די צייט אוועקצושטעלן דעם סטעיט אלס די צענטער פאר נאציאנאלע ארבעטסקראפט טרענירונג אין די נוקליער אינדוסטרי. מיט ערפארונג פון שטיצן טרענירונג פאר איבער 180,000 ניו יארקער דורכאויס דעם ריינע ענערגיע סעקטאר, זענען מיר גרייט צו ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע שותפים פון צווישן פילע סטעיט אגענטורן, אינדוסטרי, און קאמיוניטיס צו טוהן דאס זעלבע פאר פארגעשריטענע נוקליער מיט'ן ציל פון פארזיכערן אז ארבעטער זענען צוגעגרייט אנצונעמען די דשאבס און אז לאקאלע קאמיוניטיס אנערקענען די לאנג-טערמיניגע בענעפיטן פון נוקליער פראיעקטן."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון לעיבאר קאמישענער Roberta Reardon (ראבערטא ריערדאן) האט געזאגט,** "נוקליער ענערגיע וועט נישט בלויז צושטעלן קראפט פאר היימען און ביזנעסער איבער'ן סטעיט, נאר עס וועט אויך שאפן גוטע נייע קאריערעס. דורך רעגיסטרירטע עפרענטעשיפס (Registered Apprenticeships), אונזער לערער/ינס עמבעסעדאר פראגראם ( Teacher Ambassador Program), און צוזאמענארבעט מיט ביזנעסער, טוט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון לעיבאר שטיין גרייט צו טרענירן די ארבעטסקראפט וואס וועט העלפן די וואקסנדע סעקטאר צו קענען

בליען. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פירן ניו יארק סטעיט אינעם ריכטונג פון אן עקאנאמיש-שטארקע און ענווייראנמענטאל-פאראנטווארטליכע צוקונפט."

**SUNY טשענסעלער John B. King Jr. (דשאן ב. קינג דשוניער) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס גאווערנאר Hochul (האקול) פירט ניו יארק סטעיט צו די ריינע רינועבל ענערגיע אפציעס פונעם צוקונפט, איז SUNY שטאלץ צו ווייטער דינען אלס די טרייב-קראפט פון ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און וואוקס. SUNY איז צופרידן אנטיילצונעמען אין די היינטיגע זיצונג און זיך צאמצושטעלן מיט קאמיוניטי, לעיבאר, און אינדוסטרי פירער צו צוגרייטן אונזערע סטודענטן פאר הויכע-פארלאנג קאריערעס פון טעקנישען סערטיפיקאטן ביז פארגעשריטענע דעגריס וועלכע טוען טרייבן דורכברעכנדע ענערגיע פארשונג."

**ניו יארק סטעיט בויען און קאנסטרוקציע פאכן פרעזידענט Gary LaBarbera (גערי לעבארבערע) האט געזאגט,** "נוקליער אנטוויקלונג האט די מעגליכקייט פון שאפן טויזנטער פאמיליע-אויסהאלטנדע, יוניען קאריערעס וועלכע וועלן ברענגען עקאנאמישע וואוקס אין לאקאלע קאמיוניטיס און געבן די געלעגנהייט פאר מער שווער-ארבעטנדע ניו יארקער זיך ארויפצוריקן צו די מיטל קלאס. די אויסברייטערונג פון נוקליער ענערגיע איז די חלק וואס פעלט נאך פון ניו יארק'ס ארבעט אנצוקומען צו אונזערע צילן צו באגרעניצן שעדליכע פארפעסטיגונגען, שניידן ענערגיע קאסטן, בויען די ריינע ענערגיע ארבעטסקראפט, און צום סוף, אוועקשטעלן א גרינע עקאנאמיע. מיר אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) און די ניו יארק פאויווער אטאריטעט פאר'ן צאמברענגען פירער פון אלע אינדוסטריס צו אדורכרעדן די קריטישע שריט וואס מיר מוזן נעמען אנצוקומען צו די צילן."

**ניו יארק סטעיט ארבעטער ארגעניזירונג פאנד ( New York State Laborers Organizing Fund) דירעקטאר פון פאליסי און פובליק איינגעלעגנהייטן Vincent Albanese (ווינסענט אלבעניז) האט געזאגט,** "אין די צייט וואס ניו יארק לייגט פאר איר מהלך אנצוקומען צו א ריינע ענערגיע צוקונפט, קענען מיר זיך נישט ערלויבן צו פארקוקן אויף די טרייב-קראפט פון יענער אריבערגאנג—אונזער יוניען ארבעטסקראפט. נוקליער ענערגיע איז אן עקאנאמישע לעבנס-ליניע, און די זיצונג—און די אינוועסטירונגען אין נוקליער ענערגיע וואס האט דאס אינספירירט—רעפרעזענטירט א באוועגונג צו אינוועסטירן אין סיי אונזער עלעקטרישע גריד, און סיי אין אונזער ארבעטסקראפט און אין די מיטל קלאס."

**אינטערנאציאנאלע פאראיין פון עלקטרישע ארבעטער (IBEW) אינטערנאציאנאלע פארשטייער - ביזנעס אנטוויקלונג Edwin Hill Jr. (עדווין היל דשוניער) האט געזאגט,** "IBEW מיטגלידער האבן צוגעשטעלט קראפט פאר ניו יארק פאר איבער הונדערט יאר, און מיר שטייען גרייט צו העלפן אריינפירן דעם סטעיט אין די קומענדיגע דור פון ריינע, פארלעסליכע ענערגיע. אין די צייט וואס גאווערנאר Hochul (האקול) רופט פאר די אנטוויקלונג פון פארגעשריטענע נוקליער פאויווער אין אפסטעיט ניו יארק, אנערקענען מיר אז בויען די ארבעטסקראפט דאס צו שטיצן איז פונקט אזוי וויכטיג ווי בויען די טעכנאלאגיע זעלבסט. די היינטיגע זיצונג רעפלעקטירט א געמיינזאמע פארפליכטונג—פון לעיבאר, רעגירונג, און עדיוקעישען—צו אינוועסטירן אין יוניען עפרענטעשיפס און טרענירונג פראגראמען וועלכע וועלן צוגרייטן די קומענדיגע דור פון געשולטע ארבעטער נאכצוקומען דעם מאמענט. נוקליער פאויווער מוז זיין א חלק פון אן אלעס-פון-די-אויבנדערמאנטע ענערגיע סטראטעגיע, און די IBEW איז שטאלץ דאס צו העלפן פארווירקליכן."

**רענסעליער פאליטעקניק אינסטיטוט (Rensselaer Polytechnic Institute) דין פון ענדשינירינג Dr. Shekhar Garde (דאקטאר שעקאר גארד) האט געזאגט,** "בשעת וואס אונזערע סטודענטן גרייטן זיך פאר די עלעקטרישע און ריינע ענערגיע קאריערעס פונעם צוקונפט, איז RPI צופרידן זיך צאמצושטעלן מיט גאווערנאר Hochul (האקול), די פאויווער אטאריטעט, און פירער פון פילע אינדוסטריס צו פארזיכערן אז די צוקונפט נעמט אריין פארגעשריטענע נוקליער אנטוויקלונג אין ניו יארק.

מיט ערשט-קלאסיגע פארשונג און עדיוקעישען אין נוקליער ענדשינירינג, קוקט RPI ארויס צו העלפן נאכקומען די ארבעטסקראפט געברויכן פון אונזער ראיאן און פארעמען די ענערגיע לעדסקעיפ פונעם צוקונפט."

**פארגעשריטענע ענערגיע פארשונג און טעכנעלאגיע צענטער ( Advanced Energy Research and Technology Center, AERTC) ביי סטואני ברוק יוניווערסיטי (Stony Brook University) פארזיצער פונעם באורד Robert B. Catell (ראבערט ב. קעטעל) האט געזאגט,** "די צוקונפט פון די ענערגיע אינדוסטרי האט פיל שוועריקייטן, אבער עס שטעלט אויך צו גאר גוטע געלעגנהייטן צו פארבעסערן די לעבנס קוואליטעט פון מענטשן און צושטעלן א געוואלדיגע צאל הויכע קוואליטעט דשאב געלעגנהייטן. מיט גאווערנאר Hochul'ס (האקול) באשלוס צו בויען פארגעשריטענע נוקליער ענערגיע אין ניו יארק, וועט אונזער ארבעטסקראפט דארפן נאך מער מענטשן מיט קאמפיוטער קענטעניסן, וויסנשאפט איבער ארטיפישעל אינטעליגענץ, און טעכנישע פעאיגקייטן צו קענען אריינשטעלן און אויפהאלטן נייע פארשריט אין טעכנעלאגיע. מיר קוקן ארויס פארצוזעצן אונזערע געשפרעכן מיט די פאוויווער אטאריטעט, מיטגלידער פונעם זיצונג, מחנכים און ענערגיע שותפים לענגאויס דעם סטעיט. סטאוני ברוק יוניווערסיטי און AERTC זענען פארפליכטעט צו פאראויסריקן איניוואטיווע לעזונגען וועלכע וועלן פארעמען די צוקונפט פון די ענערגיע אינדוסטרי."

**נוקליער ענערגיע אינסטיטוט סיניאר וויצע פרעזידענט און טשיף פינאנציעלע אפיציר Erin Hultman (ערין הולטמאן) האט געזאגט,** "נוקליער פאוויווער פלענטס זענען עקאנאמישע ענדשינס פאר זייערע קאמיוניטיס, שאפנדיג לאנג-אנהאלטנדע, גוט-באצאלטע דשאבס פאר מענטשן וועלכע פארמאגן ידיעות אין א גרויסע אויסוואהל פון נושאים. NEI איז שטאלץ צו שטיצן גאווערנאר Hochul (האקול) און די פאוויווער אטאריטעט בשעת וואס זיי טוען פאראויסריקן די פאליסיס און איניציאטיוון וועלכע וועלן טרייבן די ריינע ענערגיע ארבעטסקראפט וואס ניו יארק און די לאנד דארף."

**Carey Health Solutions פרעזידענט Donald Carey (דאנעלד קערי) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, טוט ניו יארק אדורכגיין עקאנאמישע וואוקס ווי קיינמאל בעפאר, ארויסקומענדיג אלס א נאציאנאלע פירער אין אינאוואציע, דשאב שאפונג, און טראנספארמירנדע אינוועסטירונג. אזויווי די היינטיגע זיצונג האט געוויזן, דארפן מיר האבן סטראטעגישע צוזאמענארבעט מיט לעיבאר, עדיוקעישען, און ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו קענען פאראויסריקן די גאווערנאר'ס וויזיע, נאכקומען וואקסנדע פאוויווער געברויכן, און שטיצן ניו יארק'ס קלימאט, עקאנאמיע, און סוסטעינעביליטי צילן."

**Nuclear NY קא-גרינדער Isuru Seneviratne (איסורו סעניוויראטנע) האט געזאגט,** "פאר א ריינע ענערגיע אריבערגאנג צו קענען מצליח זיין, מוז עס ברענגען טובות פאר די ארבעטער וועלכע זענען פאראנטווארטליך דאס צוצושטעלן. דאס מיינט אויפהייבן די קוואליטעט פון ארבעט און געהאלט פון יעצטיגע פאסיל-פיול ארבעטער, בשעת'ן שאפן נייע קאמיוניטי-אויסהאלטנדע געלעגנהייטן. מיר אפלאדירן די פירערשאפט וואס איז ארויסגעוויזן געווארן דורך די פארגעשריטענע נוקליער ארבעטסקראפט זיצונג, און מיר וועלן ווייטער שטיצן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) באמיאונגען צו אנטוויקלען נוקליער אין ניו יארק."

**אנטעריאו פאוויווער דשענערעישען פרעזידענט און CEO Nicolle Butcher (ניקאול בוטשער) האט געזאגט,** "נאך פילע צענדליגע יארן פון פארזיכערטערהייט אפערירן נוקליער פאוויווער דשענערעישען, טוען יוריסדיקציעס אריינקוקן אין אנטעריאו אין די צייט וואס זיי טוען פאראויסריקן נייע נוקליער פאוויווער. OPG איז צופרידן צו ארבעטן מיט די סטעיט פון ניו יארק אין די צייט וואס זיי בויען א בליענדע נוקליער ענערגיע סעקטאר."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן